Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

# היינט 10 זייטען

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

# נייער פאלקסבלאט

| № 115 | Łódź, Środa, 18 maja 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאדז, מיטוואך, י״ב אייר תרצ״ב | № 115 |
|---|---|---|---|---|

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# בונט פון דער יאפאנישער ארמעי

## געשיקט אנ׳אולטימאטום צו דער רעגירונג. — וואס עס ווערט געפאדערט פונ׳ם מיקאדא? — ערמארדעט נאך איין הויכער מלוכה־בעאמטער. — אטענטאט אויפ׳ן אדמיראל סיזוקא. — אמעריקא שיקט אנ׳ארמעי צו סאן־פראנציסקא. — סאוויעטען ערב מאביליזאציע. — צי וועט זיך פוילען אריינמישען?

לאנדאן, 17 (ספ. טעל.) די יאפאנישע רעגירונג האט פערעפענטליכט א קאמוניקאט, אין וועלכען זי שטעלט פעסט, אז די מערדערס פון דעם פרעמיער אינוקאי, ווי אויך די וואר־פערס פון די 8 בא־מבעס אין טאקיא געהערען צו נישט־ערגסטע און נישט־פעראנטווארטליכע עלעמענטען, הינטער וועלכע עס שטייט נישט קיין שום קראפט, און וועלכע האבען נישט קיין שום אונטערשטיצונג אין דער ארמעי.

זיי וועלען די טעג אוועקגעשטעלט ווערען פאר א קריגס־געריכט.

טראץ דעם דאזיגען קאמוניקאט ווייזט זיך אבער ארויס, אז די ארמעי, וועלכע מאדעלט אפיציעל די אטענטאנטען, נוצט דאך אויס די סיטואציע און שטעלט די רעגירונג אולטימאטיווע פאדערונגען.

דער הויפט־פאסטולאט פון דער ארמעי, וועלכע איז פערעפענטליכט געווארען אין דער פארם פון אנ׳אולטימאטום איז — אז די איצטיגע רעגירונג זאל דימיסיאנירען, און ס׳זאל זיך בילדען א נאציאנאלע רעגירונג.

עס איז נישט אויסגעשלאסען, אז דער דאזיגער אולטימאטום וועט ערנסט גענומען ווערען אין בעטראכט, מחמת לויט די בעשלוסען פון דער קאנסטיטוציע קאן דער קריגס־מיניסטער אויסגעוועהלט ווערען נאר פון צווישען די גענעראלען.

בזה האופן וועט מען נישט קאנען בילדען א קאבינעט אהן דעם הסכם פון דער ארמעי, וועלכע וועט, פון איהר זייט, אפזאגען צו שטיצען א פארטיי־רעגירונג.

דער קריגס־מיניסטער אראקי און דער פלאט־מיניסטער אוסומי האבען דערקלערט, אז זיי וועלען נישט אריין אין דעם קומענדיגען קאבינעט. משמעות אז די דאזיגע דערקלערונגען זענען אפגעגעבען געווארען אונטער׳ן דרוק פונ׳ם אפיצירען־קארפוס.

דער יוסטיץ־מיניסטער סיזוקאי, וועלכער האט איבערגענומען די פיהרערשאפט איבער דער פארטיי סעיוקאלי, ווערט איצט בעטראכט אלס ערשטער קאנדידאט אויפ׳ן שעף פון דער רעגירונג.

ריגע, 17 (ספ. טעל.) די ידיעות וועגען די לעצטע פאליטישע אטענטאטען אין יאפאן האבען געמאכט אין מאסקווע אנ׳אונגעהייערען רושם.

עס ווערט אויסגעדריקט די מיינונג, אז יאפאן שטייט ערב וויכטיגע איגערליך־פאליטישע געשעהענישען, וועלכע וועלען נישט פערבלייבען אהן א ווירקונג אויף דער סיטואציע אין דעם ווייטען מזרח.

די סאוויעטישע פאליטישע קרייזען זענען חושד, אז איצט וועט קומען צו דער מאכט דין יאפאנישע מיליטער־פארטיי, וועלכע שטרעבט צו אנ׳אגרעסיווע פאליטיק אין כינע און מאנדזשוריען. דער רעזולטאט פון דער דאזיגער פאליטיק קאן זיין די פערשארפונג פון די יאפאניש־סאוויעטישע בעציהונגען.

די סאוויעטען וועלען נישט קאנען פערהאלטען זיך פאסיוו אין בעצוג צו דער שטייגענדער יאפאנישער עקספאנסיע אין מאנדזשוריען.

פאריז, 17 (ספ. טעל.) דער ספעציעלער שליח פון „פטי פאריזיען״ אויפ׳ן ווייטען מזרח שרייבט:

די ידיעה וועגען אטענטאט אויפ׳ן פרעמיער־

(ווייטער זעה 2־טע זייט).

נאך לאנגע און שווערע ליידען איז נעכטען אין דערפריה, דעם 17. מאי 1932 געשטארבען מיין ליבע נישט פערגעסענע מוטער, שוויגערמוטער און טאנטע

## נ״ע חי׳ פרומעט לוסטיג

די לויה איז נעכטען פארגעקומען, וועגען וואס עס טיילען מיט אין גרויס צער

### די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע.

אונזער טיפסטען בייליד דריקען מיר אויס אונזער ליבע שוועגערין

**מארטא לוסטיג**, צום טויט פון איהר הייסגעליבטע

## מוטער

זייט געטרייסט! פאמיליע שמייער.

פיעטריקאווער 14

גערענק! אז דעם 19־טען מאי הויבט זיך אן די ציהונג פון דער 1־טער קלאס

גערענק! אז א גרויס גליק ווארט אויף דיר

גערענק! אז ביי דער לעצטער לאטעריע איז אין מיין גליקליכער קאלעקטור געפאלען דאס געווינס פון 30 000 זל. אויף נומער 89011

גערענק! קויפען זאלסטו א לאס נאר אין דער גליקליכסטער קאלעקטור פון

# F. BRAJTSZTAJN

## PIOTRKOWSKA 14

## Tel. 142-47.

טעל. 142-47

גערענק! מיין אדרעס, אויב דו ווילסט פטור ווערען פון דאגות

גערענק! אז דער הויפט־געווינס איז 1.000.000 זל.

גערענק! אז פאר א קליינע סומע קענסטו רייך ווערען

גערענק! אז יעדער צווייטער לאס געווינט

גערענק! אז דורך אונז זענען א סך מענשען גליקליך געווארען

גערענק! די צייט איז קורץ, אייל זאפארט אין אונזער קאלעקטור.

פיעטריקאווער 14

# רעשטען

## לאדז, נאוואמיעסקא 5

פראנט, 2־טער שטאק

פערשידענע קאמגארנס, ביליצער, טאמאשאווער און לאדזער אויף אנציגער און פאלטענס ווי אויך די מאדערנסטע דאמען־שטאפען אויף פאלטנס און קאסטיומען

## מיט 30% ביליגער

קומט און איבערצייגט אייך, ביי

## SZCZĘSLIWY

געדענקט נאר

## אין פראנט, II שטאק

## מאשינען־לעכער

ווערען אנגענומען אויסצונייען ביי ג. נארדמאן, שרודמיעסקא 8

אונזער חשוב׳ן צעך־סטארשי **אברהם געלאסען** דריקען מיר אויס אונזער טיפען מיטגעפיהל און בייליד צוליב׳ן טויט פון זיין אונפערגעסליכע פרוי

## פערל נ״ע

אין דער ארבייט פאר׳ן האנדווערקערטום זאל איהר אייער טרייסט געפינען.

### די שניידערין־סעקציע

ביים שניידער־צעך אין לאדז פיעטריקאווער 20.

דעם הערן **אברהם געלאסען** דריקען מיר אויס אונזער טיפען מיטגעפיהל און בייליד צוליב׳ן טויט פון זיין אונפערגעסליכע פרוי

## פערל נ״ע

זייט געטרייסט!

אברהם קיסעלעוויטש און משה מאשקאוויטש.

אונזער חשוב׳ן חבר

## אברהם געלאסען

צוליב׳ן פריהצייטיגען טויט פון זיין אונפערגעסליכער פרוי

## נ״ע פעריל

דריקען מיר איהם אויס אונזער איניגסטען מיטגעפיהל מיט המקום ינחם אתכם בתוך שארי אבלי ציון וירושלים.

### די פערוואלטונג

פון דאמען־קאנפעקציע, שניידער־כאלופניקעס, פאמארסקא 53.

3180

אונזער חשובן וויצע פארזיצענדען ה׳ **אברהם געלאסען** צוליב׳ן פריהצייטיגען טויט פון זיין ליבער פרוי

## נ״ע פעריל

דריקען מיר איהם אויס אונזער טיפסטען מיטגעפיהל מיט המקום ינחם אתכם בתוך שארי אבלי ציון וירושלים.

דער ראט און פערוואלטונג פון דער יוד. האנדווערק.־צענטראלע, זשעלאנא 10 A

3180

